בס"ד • פ' משפטים תשפ"ה • VOL #212 • FEB, 19, 2025

# בחצרות סאטמאר

באלערנדע אַרטיקלען, נייעס און בילדער פאַר די ערליכע שטוב

BECHATSROS SATMAR
0 719710 685710
NY, NJ: $6.99
LONDON: £6
א"י 23 ש"ח




באזונדערע רייכע אפטיילונגען וועכענטליך

רצון קדשו פון מרן רביה"ק זי"ע

# קרית יואל אין א וואַלד!

אנ"ש זענען מתפלל להצלחת כ"ק מרן רבינו שליט"א צו פאַרזיכערן בעזהשי"ת דעם רוחניות'דיגן עתיד פון "קרית יואל המורחבת"



## רעכטס-אויף-לינקס

איבער דעם מנהג פון חסיד'ישע אידן מדור דור אז מקנעפל'ט די קליידער רעכטס-אויף-לינקס



רייכער "לגמור באַנקעט" פאר גערופענע נגידים צו ערמעגליך גמר הבנין פון פרעכטיגע סאַטמאַרער מבצר חינוך הבנות אין בני ברק "בנין שלמה משה קלאַגסברוין"



שלחן הטהור לרגל חמשה עשר בשבט



קביעות מזוזה אין נייעם 'אייקאָן' ביזנעס צענטער אין קרית יואל



ש. שרייבער

### רצון קדשו פון מרן רביה"ק זי"ע

# קרית יואל אין א וואַלד!

אנ"ש זענען מתפלל להצלחת כ"ק מרן רבינו שליט"א צו פאַרזיכערן בעזהשי"ת דעם רוחניות'דיגן עתיד פון "קרית יואל המורחבת"

אין די אידישע וועלט בכלל, און צווישן אנ"ש בפרט, האט פארגאנגענע וואך אפקלונגען דער שליחות הקודש וואס כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א האט פערזענליך געשיקט צו כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ-וויליאמסבורג שליט"א, איבער דעם געפלאנטן וויזשניצער ישוב אין די געגענט פון "קרית יואל המורחבת" אויף וואס דער רבי שליט"א האט געפאדערט אז מען זאל טוישן די פלענער, אויפצובויען דעם ישוב אויף אן אנדערן מקום, נישט ממש אין קרית יואל, וואס קען ח"ו זיין א רוחניות'דיגע סכנה פאר'ן ווייטערדיגן עתיד פון די שטאט קרית יואל.

דער רבי שליט"א האט דערביי ארויסגעברענגט, ווי שטארק עס איז געווען עז רצון קדשו פון דודו מרן רביה"ק זי"ע אויפצובויען זיין שטעטל "קרית יואל" דייקא מחוץ לעיר, אלס אן אייגענע קהלה פאר זיך, אן די השפעה פון שכנות'דיגע קהלות, וואס קענען האבן אן השפעה אויף די שטאט קרית יואל.

היינט מיט פופציג יאר שפעטער, נאכדעם וואס קרית יואל שטייט שוין ב"ה על תילה בנוי', זעט מען ערשט ווי כמה גדולים דברי חכמים, און ווי שטארק דעם רבי'נס מהלך איז ריכטיג און קראנט, נאכדעם וואס אויך כהיום ווען קרית יואל מיט אירע אלע ארומיגע געגענטער, פארמאגן בלויז תושבים פון היימישע סאטמארער חסידים, קומט אזוי שווער אן צו קענען אנהאלטן דעם סטאנדארט און צביון וואס קרית יואל האט זיך אויפגעבויט, און עס איז קלאר ווי דער טאג, אז מען וואלט צו דעם קיינמאל נישט געקענט דערגרייכן, ווען קרית יואל זאל פארמאגן א געמיש פון נאך קהלות און מוסדות, וועמען די יסודות פון מרן רביה"ק זי"ע איז בכלל נישט מחייב.

מ'דארף נישט מער ווי בלויז כאפן א בליק אויף די נישט-ווייטע שטאט מאנסי, וועלכע פארמאגט טאקע פון איין זייט א ריזן ציבור אידן, יראים ושלמים חסידים ואנשי מעשה, אבער איז פון די אנדערע זייט אן עיר מקלט פאר אזא גרויסער ציבור "לא אכפת לי'" אידן, אזעלכע וואס לעבן אן קיין שום עול און אן קיין שום אויטאריטעט, אלעס אדאנק דעם וואס די שטאט איז א געמיש מיט אזויפיל קהלות פון אלע סארט שטרעמונגען, וואס קיינער האט נישט די מעגליכקייט דאס צו שטערן און מבטל זיין.

האבנדיג דעם הייליגן ציל פאר די אויגן, צו פארזיכערן בעזהשי"ת אז קרית יואל בלייבט יא בס"ד א הייליגער פעסטונג פאר תורה, קדושה, התבדלות מרשעים עד קצה האחרון, א שטאט וואו די גוי'שע אמעריקאנער קולטור האט נישט קיין פלאץ, דאס אלעס האט געברענגט אז כ"ק מרן רבינו שליט"א האט גענומען אויף זיך דעם נישט לייכטן-אונטערנעמונג, צו ארבעטן מיט שתדלנות און בקשות צו אנדערע קהלות, אז מען זאל רעספעקטירן דעם הייליגן רצון פונעם מייסד הקרי' מרן רביה"ק זי"ע, און נישט קומען אויפשטעלן אייגענע קהלות און געגענטער, אין די גרעניצן פון "קרית יואל".

עס וועט דעריבער זיין אינטערעסאנט פארצושטעלן א שטיקל כראנאלאגישן סדר איבער דעם השתלשלות פון די שטאט קרית יואל, וואס צייגט אזוי קלאר וואס ס'איז געווען דעתו ורצונו פונעם רבי'ן זי"ע, און ווי שטארק עס וואלט געווען דער עגמת נפש פונעם רבי'ן זי"ע, הערנדיג איבער אנדערע קהלות וואס זוכן אריינצודרינגען אין זיין מסירת נפש'דיגן מיה און פלאג מיטן אויפבויען אן אייגענעם ישוב מחוץ לעיר.



# נאר איידער "גארנישט" שוין א פלאן פאר א שטעטל

ס'איז שנת תש"ח, מרן רביה"ק זי"ע האט קוים באטראטן דעם אמעריקאנעם באדן, דער רבי פארמאגט נאך גארנישט, און טאקע גארנישט... די איינציגסטע אייגענע פארמעגן וואס דער רבי האט געהאט פארמאגט, זענען געווען די רייזע-בילעטן אויפ'ן וועג צוריק קיין ארץ ישראל, און דאס האט דער רבי שוין אויך נישט פארמאגט, נאכדעם וואס דער חכומא דיהודאי הגה"צ רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל ראש ישיבת נייטרא, האט עס צופליקט, זעענדיג בחכמתו הגדולה, אז דער איינציגסטער אויסוועג אז אידן זאלן קענען בלייבן ערליך על אדמת אמעריקע, איז ווען דער רבי וועט פארבלייבן אין לאנד.

דער רבי איז טאקע פארבליבן אין אמעריקע, אבער אן קיין שום פלאן אויף פאראויס. זייענדיג שוין אויף די עלטערע יארן, אין א תקופה אין לעבן ווען מענטשן 'רעטייערן' שוין געווענליך פון די ארבעט, דעמאלט האט דער רבי פונדאסניי אנגעהויבן מיט א פרישן אייפער, מיט א קלארן ציל, צו בויען אידישקייט אין אמעריקע, און צו פארזיכערן בעזהשי"ת אז מען קען על אדמת אמעריקע ממשיך זיין דעם ארגינעלער אידישקייט אן קיין שום פשרות, געַנוי ווי אין דער אלטער היים, און אפילו נאך בעסער.

"כי במקלי עברתי את הירדן הזה" האט דער רבי אנגעהויבן זיין עבודת הקודש מיט... קוים אן אייגענעם שטעקן... דער רבי נאכנישט געהאט קיין אייגענעם ביהמ"ד, קיין קהלה און זיכער נישט קיין מוסדות, אבער דער רבי פיבערט שוין. ער זעט שוין אז ניין, אין שטאט קען מען נישט בלייבן. זעענדיג מיט די אויגן דעם פארגרעבטקייט וואס אמעריקע שטעלט מיט זיך פאר, האט דער רבי גלייך פארשטאנען אז די שטאט איז נישט צוגעפאסט פאר אן ערליכער איד דארט צו וואוינען, און גלייך האט דער רבי אנגעהויבן צו ווירבלען מיט פלענער פון אן אייגענעם ישוב וואס ער וויל בויען, דייקא מחוץ לעיר, און וואס ווייטער אלס בעסער, וואס מער אפגעטיילט פון די גוי'שע, און אפילו פון די "אידישע" גאס אין ניו יארק, אלס מער זיכער וועט ער זיין אז זיין אייגענער ציבור וועט זיך קענען פירן אויף די דרכים וואס ער זוכט און וואס ער וויל.

פארוואס האט דער רבי געזוכט אן אייגענעם ישוב? לאמיר איבערגעבן וואס דער רבי האט אליינס געזאגט ביי עטליכע געלעגנהייטן איבער דעם, ווי געברענגט באריכות אין די ספרים "קרית מלך רב".

# א שטעטל מיט "איין" קהלה

בין הדברים ווערט דארט דערציילט, ווי פאלגענד:

"זומער שנת תשכ"ג ווען דער רבי זי"ע איז געקומען באזוכן אין קעמפ ביי די קינדער און בחורים, האט ער גענעכטיגט איבערנאכט אינעם אינגל קעמפ. גלייך אינדערפרי איז דער רבי אריבערגעפארן צום "כולל קאנטרי" וואו די כולל אינגעלייט האבן געלערנט. אויך דער ראש ישיבה



הגה"צ רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל




מרן רביה"ק זי"ע אין קעמפ אין יענע יאהרן

דער שאפראנער רב הגה"צ רבי שמעון ישראל פאזען זצ"ל האט דארט דאן געהאט זיין באנגעלאו.

"דער רבי האט דאן געטרונקן א קאווע פאר'ן דאווענען, און דערביי פארברענגט בשיחות קודש מיטן שאפראנער רב זצ"ל און נאך מרביצי תורה וואס האבן דאס מיטגעהאלטן. ווידעראום זענען דארט געווען א צאל אינגעלייט לומדי הכולל, און בחורי הישיבה וואס האבן פון אונטערן פענסטער מיטגעהאלטן דעם גאנצן שמועס, און זיך איינגעהערט צו יעדעס ווארט וואס איז ארויס פון רבי'נס מויל.

"צווישן אנדערע דערציילט אונז איינער פון די דעמאלסדיגע אינגעלייט, אז בתוך הדברים האט דער רבי געפרעגט דעם שאפראנער רב וויפיל משפחות עס וואוינען דארט אין די קאנטרי. האט דער שאפראנער רב געזאגט דעם צאל, צוגעבענדיג מיט א שמייכל "דאס זענען אלעס ארטאדאקסישע משפחות"...

"האט זיך דאן אנטוויקלט א שמועס איבער דעם סדר הקהילות אינדערהיים און איבער דעם כח פון די רבנים איבער זייערע בני הקהילה. דער רבי האט דאן געזאגט "אינדערהיים כאטש עס זענען אין יעדע שטאט געווען אפגעטיילטע קהילות, זענען אינאיינעם מיט די ערליכע קהילות אויך געווען די נעאלאגישע רבנים און קהילות, און פונדעסטוועגן האט יעדער ערליכער רב געוואוסט אז ער איז דער בעל הבית אויף זיין קהלה און אלע זענען אונטער אים. אבער דא אין אמעריקע וואו יעדער איינער קען געהערן צו וועלכע קהלה ער וויל, און מען איז נישט צוגעבינדן צו קיין שום קהלה, איז נישטא דער כח פון א רב בישראל אזוווי אינדערהיים".

"דער רבי האט אויסגעפירט זיינע ווערטער "איבער דעם וויל איך אזוי האבן א שטעטל, וואו יעדער איינער זאל געהערן צו די קהלה פונקט ווי אינדערהיים"...

זייער קלארע דיבורים. "איך וויל האבן א שטעטל וואו יעדער איינער זאל געהערן צו די קהלה, פונקט ווי אינדערהיים". דער רבי האט נישט געזוכט סתם צו בויען א ישוב אז אידן זאלן האבן וואו צו וואוינען, א ישוב וואס זאל פארוואנדעלט ווערן אין קהלות קהלות, נאר א שטעטל "וואו יעדער זאל געהערן צו די זעלבע קהלה"!.

# מיט א רבי'נישע הנהגה ווי אינדערהיים

איבער דעם ענין איז אויך כדאי מעתיק צו זיין ווערטער וואס עס האט געזאגט ביי א דרשה ברבים הרה"ח ר' יעקב עקיבא וויינשטאק הי"ו משב"ק ביים רבי'ן איבער פיר יאר, ווען עס איז געווען לא זז ידו מתוך ידו אין די יארן וואס דער רבי האט עוסק געווען אין זוכן א שטעטל, און ער האט זוכה געווען מיטצוהאלטן אומצאליגע ענינים בקודש פנימה:

"ס'איז דא א דרשה פון רבי'ן ז"ל וואס דער רבי האט געזאגט אין שיכון קרית יואל בני ברק, שבת פרשת פינחס שנת תשי"ט. עס איז דעמאלטס געווען דער חנוכת הבית פאר'ן שיכון, און פון די דרשה קען מען זען ווי א כעין צוואה פון וואס דער רבי האט געזאגט ווי אזוי ער האט געוואלט עס זאל אויסזען א שטעטל וואס ער בויט. ס'איז כדאי זיך מתבונן צו זיין אין די דרשה, וואס מ'זעט דערפון וואס דער רבי האט געוואלט האבן פון זיין שטעטל.

"ווער עס האט מיטגעלעבט דעמאלטס ווייסט, אז דער יסוד וואס דער רבי האט געוואלט האבן אין א שטעטל איז, אז עס זאל זיין א שטאט וואו עס זאל זיין א הויפט רב. נאר אזוי האט דער רבי געהאלטן אז עס וועט זיך קענען האלטן אידישקייט, אזוי ווי אין יעדע שטאט אינדערהיים.

"פשוט אויסצופירן די אלע קלייניגקייטן, די אלע זאכן בפרטיות, וואס דער רבי רעכנט אויס אין יענע דרשה מוז מען אויך צוקומען צו דעם יסוד. דער רבי האט געהאלטן אז עס מוז זיין א הויפט הנהגה אין א שטאט. וועגן דעם האט דער רבי נישט געוואלט אז עס זאל זיין אנדערע תלמוד תורות אין די שטאט, כאטשיג דער רבי האט געוואלט מקרב זיין רבנים, ער האט געוואלט אז זיי זאלן קענען קומען מאכן בתי מדרשים, אבער דער יסוד איז געווען, עס מוז זיין איינער וואס ער איז דער רוחניות'דיגער בעל הבית אין די שטאט.

# ווייטער ווי א "תחום שבת"

דער רבי האט ביים בויען זיין שטעטל, געהאט זייער א קלארן ציל, צו בויען א ישוב וואו אלע תושבים זאלן זיך פירן אויפ'ן ערליכן תורה'דיגן וועג, וויאזוי האט ער געוואלט מיט אלע הנהגות און יסודות וואס ער האט אלץ געמאנט און געפאדערט, אן קיין שום השפעה פון אנדערע קרייזן.

איבער דעם האט דערציילט הרה"ח רבי אברהם יעקב גלאנצער ז"ל


רביה"ק זי"ע אין קעמפ אין יענע יאהרן



וועלכער איז געווען שטארק אקטיוו מיט'ן זוכן שטחים וואו צו בויען דעם רבינ'ס "שטעטל".

האט ער דערציילט, אז ער איז איינמאל געקומען צום רבי'ן זי"ע פרייליכערהייט מודיע זיין אז ער האט געטראפן א גוטן שטח ערגעץ אין ניו יארק וואו מען קען בויען דעם שטעטל.

נאכ'ן איבערגיין די פרטים האט זיך ארויסגעשטעלט אז מען קען פון דעם שטח גיין צופיס ביז צו אן אנדערע ערליכער חסיד'ישע ישוב. האט אים דער רבי אים געפרעגט אויב ס'איז ווייט א "תחום שבת" צו גיין ביז אהין. האט ער געענטפערט אז יא. האט דער רבי אים געפרעגט צו מיט אן "עירוב תחומין" קען מען יא אנקומען אהין אום שב"ק. האט ר' אברהם יעקב געענטפערט אז יא.

האט אים דער רבי געזאגט "אויב אזוי וויל איך עס נישט!" און דער רבי האט אים ערקלערט: "איך קען מיין עולם און אז מען וועט קענען אהינגיין וועלן זיי אלע גיין".

# ווען דעם בין איך געליבן!

ווי ווייט עס איז דער רבי געגאנגען בנפשו אויפצושטעלן דעם אייגענעם ישוב מחוץ לעיר, איז צום זען פון דעם סיפור נורא וואס עס האט דערציילט הרה"ח ר' מרדכי גאלדבערגער ז"ל מחשובי אנ"ש אין וויליאמסבורג.

ר' מרדכי ז"ל האט אין די 'בראשית יארן' געוואוינט נעבן מרן רביה"ק זי"ע אויף בעדפארד עוו. אין יענע צייטן ווען עס איז געווען גאר א קליינער צאל אידן מאנ"ש וואס האבן אליינס געהאט אייגענע קארס, האט ער עטליכע מאל געהאט די זכי' צו פירן דעם רבי'ן מיט זיין אויטא. דערביי האט ער זוכה געווען צו הערן פונעם רבי'נס מויל פנינים יקרים.

איז געווען אמאל ווען דער רבי איז געפארן אויף א באזוך צו זיין פלומעניק דער מוזשווי'ער רב הגה"צ רבי מנחם מענדל רובין זצ"ל אים אפצוגעבן דעם מזל טוב בעת א שמחה וואס ער האט געפראוועט אין שטוב. דער רבי איז שוין געווען אין די קאר גרייט צו פארן, אבער צוליב א סיבה איז אין די לעצטע מינוט נישט געווען ווער עס זאל דרייוון די קאר. איז א שליח שנעל געקומען צו לויפן צו ר' מרדכי אין שטוב אים צו רופן אז ער זאל קומען פירן

"איך בין מאמין באמונה שלימה אז איך בין וועגן דעם געבליבן לעבן, כדי אויפצושטעלן א אידישע שטעטל. איך ווייס אז מען לייגט מיר שטיינער אויפן וועג, אבער איך וועל מיך נישט לאזן! איך וועל נישט רוען, און איך וועל נישט קוקן אויף דעם".

די קאר. דער שליח האט אים דערציילט אז דער רבי זיצט שוין אין די קאר גרייט צום פארן, און מען זוכט א דרייווער.

ווי פארשטענדליך איז ר' מרדכי באלד אראפגעלאפן צו די קאר, און געפירט דעם רבי'ן. ווען ער איז אריינגעקומען אין די קאר איז דער רבי געווען פארטיפט אין א שמועס מיט די ארומיגע איבער דעם שטעטל וואס ער וויל בויען, און דער רבי איז געווען זייער צוקאכט אויף דעם וואס פון אלע זייטן פרובירט מען אים אפצורעדן דערפון. אפילו די גאר נאנטע מענטשן און מקורבים האבן געארבעט אויפן רבי'ן אז ער זאל אויפהערן צו רעדן פון דעם שטעטל, ווייל דער פלאן איז נישט מאסגעבענד, און דאס האט דעם רבי'ן זייער וויי געטון.

בתוך הדברים האט זיך דער רבי צושריגן מיט א ברען: "איך בין מאמין באמונה שלימה אז איך בין וועגן דעם געבליבן לעבן, כדי אויפצושטעלן א אידישע שטעטל. איך ווייס אז מען לייגט מיר שטיינער אויפן וועג, אבער איך וועל מיך נישט לאזן! איך וועל נישט רוען, און איך וועל נישט קוקן אויף דעם".

דערויף האט דער רבי געזאגט "וואויל וועט זיין פאר דעם ווער עס וועט צוהעלפן דערצו".

אויך שפעטער אנקומענדיג אין שטוב פונעם מוזשווי'ער רב האט דער

רבי ממשיך געווען דעם שמועס איבער דעם שטעטל וואס ער פלאנט. ווען דער מזשוי'ער רב האט אנגעהויבן צו פרעגן דעם רבי'ן פארוואס ער וויל שוין אנטלויפן פון וויליאמסבורג ווען מען האט קוים אנגעהויבן זיך דארט צו באזעצן און מסדר זיין. האט דער רבי אים ווידער שארף אפגענטפערט, אזוי אז מען האט געזען אז דאס שטעטל איז א זאך וואס גייט דעם רבי'ן בנפשו, און ער וועט זיין שטעלונג קיינמאל נישט טוישן.

## דאס וועט מען מיך פרעגן לאחר מאה ועשרים

עס כאפט א פחד צו זען דעם סיפור וואס עס האט דערציילט הרה"ח המפו' ר' אברהם יעקב הכהן גלאנצער ז"ל, וואס ער האט אליינס געהערט פון מרן רביה"ק זי"ע, ווי ווייט עס איז דער רבי'ן געגאנגען בנפשו דאס אויפבויען א ישוב מחוץ לעיר.

פלעגט ר' אברהם יעקב דערציילט וואס ער האט אמאל געזאגט אויף זיך אליינס כהאי לישנא: "לאחר מאה ועשרים שנה ווען מ'קומט ארויף אין הימל פרעגט מען יעדן איד "נשאת ונתת באמונה?" אויב מען האט געהאנדלט ערליך. מיך וועט מען פרעגן צו איך האב געבויט א שטעטל!".

אזוי ווייט איז געגאנגען דעם רבי'ן ממש בנפשו אויפצושטעלן אן אייגענעם ישוב, אויף וואס ער האט – כידוע – זיך אויסגעדרוקט, מיטן מורא'דיגן לשון "ווען נישט קרית יואל ווייס איך נישט וואס איך האב אויפגעטון אויף דעם עולם". דיבורים נוראים פון א צדיק אמת וואס האט אזויפיל זוכה געווען מרים צו זיין דעם כבוד שמים, אבער ער האט זיך געזען אין א מצב, אז ווען נישט קרית יואל ווייסט ער נישט וואס ער האט אויפגעטון אויף דעם עולם.

## אלעס קען קאַליע ווערן

דעם רבי'נס בליק אויף אן אייגענעם ישוב, איז געווען דאס, אז דער ישוב זאל מחייב זיין יעדן איינעם, זיך צו פירן מיט די דרכי ומנהגי המקום, וואס נאר אזוי קען מען זיין זיכער אז מען האלט זיך צו די ערליכע דרכים.

איבער דעם דערציילט הרה"ג רבי בנציון פעלדמאן שליט"א מגיד משרים אין מאנסי א סיפור נפלא. עס איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין שיכון סקווירא, אבער ער האט זיך נישט געוואלט צושטעלן געהעריג צו די הנהגה אין סקווירא, און מען האט אים דארט ענג געמאכט דאס פלאץ. איז דער איד ארייגעגאנגען צו מרן רביה"ק זי"ע און האט זיך אפגערעדט אז מען מאכט אים ענג אין סקווירא.

דער רבי האט אים זייער שטארק פארגעהאלטן אויף דעם וואס ער שטעלט זיך נישט צו צום פלאץ וואו ער וואוינט, און ער גייט קעגן דעם רצון פונעם רבי'ן, זאגנדיג בתוה"ד: "די גאנצע הארעוואניע וואס דער סקווערער רבי האט ארייגעלייגט אינעם שיכון קען איין קינד מיט זיינע נארישקייטן קאליע מאכן".

> "די גאנצע הארעוואניע וואס דער סקווערער רבי האט ארייגעלייגט אינעם שיכון קען איין קינד מיט זיינע נארישקייטן קאליע מאכן".

ביז אהער וואס עס דערציילט רבי בנציון שליט"א, א מעשה וואס שטעלט אזוי קלאר אראפ דעם רבי'נס יסוד וואס מען האט געהערט אויף ביי אנדערע געלעגנהייטן. דער רבי האט געהאלטן קלאר, אז אויף א פלאץ וואו מען געפונט זיך, דארף מען קלאר זיך צושטעלן צו די מנהגי וסדרי המקום. אויב מען איז נישט צופרידן, האט מען די ברירה צו פארלאזן דאס פלאץ, אבער נישט בלייבן דארט, און זיכער נישט זיך ארויסצוציען אויף א פלאץ מיטן א קלארן ציל, זיך גענצליך צו פירן אויפ'ן אייגענע שטייגער אן קיין שום פארפליכטונג זיך צו האלטן די מנהגי המקום.

עס איז גענוג צו דערציילן וואס ס'איז באקאנט, ווי ווען עס איז די תש"כ יארן געווען פארשידענע איבערקערעניש אין די וויזשניצער קהלה אין ארה"ק, ווען מ'האט גענוצט דעם מאנטל פון קנאות, אויף צו מאכן מהומות וכדומה, איז דער רבי שטארק נישט צוגעשטאנען דערצו, און האט קלאר געזאגט פאר די וואס זענען געווען סרים למשמעתו, אז דאס איז נישט דער וועג. אויב איז מען נישט צופרידן אויף א פלאץ צוליב סיי וועלכע סיבה, איז די עצה צו פארלאזן דאס פלאץ שטילערהייט, אן אנצוזייען מהומות און שוועריגקייטן, והדברים עתיקין.

## אסאך שולן מיט "איין" תלמוד תורה

אין די שפעטערע יארן ווען עס איז שוין מער ערנסט געווען די פלענער פונעם שטעטל, האט דער רבי שוין מער ארויסגעזאגט וואס עס זענען זיינע פלענער, וואס ער וויל אז עס זאל זיין דער געשטעלט פונעם שטעטל.

עס איז אינטערעסאנט איבערצוגעבן וואס עס האט דערציילט הרה"ח ר' יקותיאל הערש ווערצבערגער ז"ל וועלכער האט געהאט די זכי' צו האבן א טייל אין די עסקנות, און טון מערערע פעולות צו העלפן דעם רבי'ן צו האבן אן אייגענע שטעטל. תחת אחת השיחים נאך ווען מ'האט עוסק געווען אין די ערשטע פלענער אהערצושטעלן דעם שטעטל אין 'דאווער' האט ער געהערט מפה קדשו די ווערטער: "איך וויל אז אינעם שטעטל זאל קענען זיין פארשידענע בתי מדרשים, אז עס וועלן וואוינען אין שטעטל אשכנזי'שע אידן זאל אפילו זיין א ביהמ"ד אויף נוסח אשכנז. אבער א תלמוד תורה וויל איך אז עס זאל נאר זיין איינס".

די ווערטער רעדן פאר זיך אליינס. דער רבי האט מתחלה מסכים געווען אז עס זאלן זיין אויך אנדערע קהלות און בתי מדרשים, אבער ער האט גלייך געשטעלט דעם באדינג, מוסדות התורה קען זיין נאר "איינס". איבעריג ארויסצוברענגען די כחות וואס דער רבי האט ארייגעלייגט במשך השנים,

ארפאצושטעלן על אדמת אמעריקע, די יסודות פון חינוך הבנים, און נאך מער פון חינוך הבנות, אויפ'ן סדר ווי ער האט מקבל מבית אבותיו הק', והוסיף עליו די יגיעה וואס ער האט אליינס געדארפט זיך מייגע זיין ביים ארפשטעלן די יסודות פון חינוך הבנות אין די מיידל שולע, אויף וואס דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט, אז ער האט אויף דעם נישט קיין קבלת אבות. ביי יעדן פרט האט דער רבי ארייגעקלערט פונקטליך וואס צו טון, און וויאזוי דאס ארפאצושטעלן.

ביים בויען קרית יואל האט דער רבי נישט געוואלט אז עס זאלן קומען אנדערע דארט אויפשטעלן מוסדות התורה והחינוך וואו דעם רבי'נס יסודות אויף טריט און שריט, זענען נישט מחייב די עלטערן און די הנהלה, א זאך צו וואס דער רבי האט בשום אופן נישט מסכים געווען.

## נאר אויב קהל איז מסכים

דאס איז אבער געווען אין די בראשית יארן ווען דער רבי האט נאך געהאט די פלענער צו בויען קרית יואל. שפעטער בערוב ימיו הטהורים פון רבי'ן זי"ע, האט דער רבי שוין נישט מסכים געווען צו דעם אויך נישט, אז יעדער זאל קענען קומען קיין קרית יואל זיך צו בויען אייגענע בתי מדרשים און קהלות, ווי עס האט דערציילט הגה"צ חו"פ רבי ארי' לייבוש טייטלבוים זצ"ל דומ"ץ ביהמ"ד וקרית ויואל משה, פון וואס ער האט אליינס מיטגעהאלטן בצל קדשו פון רבי'ן.

"דער רבי ז"ל האט אויפגעשטעלט אידישקייט אין אמעריקע נאכן חורבן, זיין איינציגער ציל איז געווען אויפצושטעלן א דור פון יראים ושלמים, ערליכע אידן נאמנים לה' ולתורתו וואס זאלן ממשיך זיין דעם אמאליגן ערליכן אידישן וועג אן קיין פשרות. אויסער דעם האט ער נישט געהאט קיין שום אנדערע כוונה פאר זיינע פערזענליכע אינטערעסן.

"דער רבי האט דאך אלע יארן משתוקק געווען צו האבן אן אייגענעם שטעטל, אבער ער האט בכלל נישט זיך געמיינט. ער האט אמאל געזאגט פאר מיין עלטער-שוועור דער וואוידיסלאווער רב זצ"ל – כ"ק הגה"צ רבי ישכר בער ראטענבערג זצ"ל (שוועור פון כ"ק אדמו"ר משינאווא זצ"ל, שוועור פון רבי לייבוש זצ"ל) – אז ווען ער וועט האבן א שטעטל האט ער חשק אז עס זאלן דארט וואוינען אלע סארט אידן, עס זאל אפילו זיין א ביהמ"ד וואו מען זאל דאווענען אויף נוסח אשכנז.

"מיין שוועור דער שינאווער רבי שליט"א (זצ"ל) האט דעמאלטס נאך געוואוינט אין בארא פארק, אבער ער האט אלץ געוואלט אוועקמופן פון דארט. ווען ער איז געקומען זאגן פארן רבי'ן אז ער וויל קומען קיין וויליאמסבורג וואוינען, פלעגט אים דער רבי אלץ זאגן "ווארט צו, נאך אביסל וועל איך האבן א שטעטל, און דארט וועסטו קענען האבן א ביהמ"ד".

"שפעטער ווען קרית יואל איז שוין געשטאנען, בין איך אריינגעגאנגען מיט מיין שוועור אינאיינעם צום רבי'ן, און דער שוועור האט דערמאנט פארן רבי'ן אז דער רבי האט אים געזאגט אז ווען עס וועט זיין א שטעטל זאל ער דארט קומען מייסד זיין א ביהמ"ד.

"האט אים דער רבי געזאגט "אמת, איך האב אזוי געזאגט, אבער אמאל בין איך געווען בעה"ב. ווען איך בין געווען געזונט, האב איך אלעס אליינס געפירט. היינט בין איך נישט בכח, ס'איז דא א קהל, און קהל וויל נישט אז ס'זאל זיין נאך א ביהמ"ד אין קרית יואל, ממילא דארף מען אזוי טון". דער שוועור האט דעמאלטס מייסד געווען זיין ביהמ"ד אין מאנסי".

ביז אהער די זכרונות פון הג"ר לייבוש זצ"ל.

## קרית יואל בהווה ובעתיד

דאס איז אין קורצן דעם רבי'נס הייליגער מהלך המחשבה וואס ער האט געהאט ביים בויען די שטאט קרית יואל בדם לבבו ונפשו, ועדים אנו היום מיט פופציג יאר שפעטער, ווי בכחו ובזכותו של אותו זקן איז קרית יואל טאקע אויסגעשטיגן אט דער שטאט וואס דער רבי האט געוואלט, אן עיר כלילת יופי, א "סאטמארער שטאט" מיט אלע פירושים, א שטאט וואס סימבאליזירט און שרייט ארויס פון זיך דעם "ויואל משה אמת ותורתו אמת" מיט ממש אלע יסודות וואס דער רבי האט געמאנט און געפאדערט, און אט דאס אלעס שטייט אצינד אין א סכנה ח"ו.

דאס איז נאכדעם וואס – ווי באקאנט – האט אין די לעצטע יארן זיך אנגעהויבן א מאסיווע אויסשפרייטונג צו די געגנטער רינגס-און-ארום די פריערדיגע געגענטער פון קרית יואל. עס וואקסן כסדר ארויס נייע שכונות און געגנטער פון אידן וואס שפרייטן זיך אויס אויף יעדן מקום, נאך און נאך ביז איצטיגע גוי'שע געגנטער, ווערן גענצליך איבערגענומען דורך ערליכע אידן וואס שפרייטן זיך אויס אהין, און גלייכצייטיג געניסט מען פון אלע



הרה"ח ר' אברהם יעקב גלאנצער ע"ה מיט הרה"ח ר' אברהם ווערצבערגער ז"ל ביי א שמחה

רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע געברויכן וואס איז צוגעשטעלט ווי אויף א גאלדענעם טאץ פאר די גאנצע געגנט דורך דער צענטער כח פון קרית יואל.

ס'איז קלאר פאר יעדן, אז "קרית יואל" איז נישט באגרעניצט צו סיי וועלכע ווילעדזש גרעניצן. אין פאקט די ערשטע יארן ווען רביה"ק זי"ע האט געבויט קרית יואל איז בכלל נישט געוועהן קיין אייגענע ווילעדזש, מען איז פשוט געקומען צו די דעמאלסדיגע "טאון אף מאנרא" און געגעבן א נאמען אויף די נייע "ישוב" קרית יואל. אזוי איז קלאר, אז יעדע געגענט וואס ווערט באזעצט דורך תושבי קרית יואל, ווערט פשוט אריינגענומען אלס א חלק פון דעם ישוב וואס מרן רביה"ק זי"ע האט אויפגעבויט בדם לבבו, און ווי כ"ק מרן רבינו שליט"א שרייט כסדר, אז "קרית יואל איז איינס" ווען אלע אלע געגענטער ארום די גרעניצן פונעם ווילעדזש, זענען איינס מיט קרית יואל.

מצד אחד ברענגט דער הרחבת הגבולים פון קרית יואל, א געוואלדיגע שמחה ביי יעדן איינעם, אזש עס האלט שוין היינט ביי ארום "דרייסיג" סקווער מייל וואס איז א חלק פון קרית יואל, דער גרעסערער טייל אין די גרעניצן פונעם קרית יואל ווילעדזש, און אנדערע אויסגעשפרייט איבער פארשידענע טאונס און מוניציפאליטעטן וואס איז שוין איבערגענומען געווארן אדער וועלן איבערגענומען ווערן דורך די נאטורליכע וואוקס פון קרית יואל, וואס איז עס זיכער א נייחא לנשמתו הטהורה מיטהאלטנדיג ווי אלעס פירט זיך ווייטער עפ"י השקפתו טהורה פון רביה"ק זי"ע, וואס דאס באפעסטיגט אזוי שטארק דעם "לשמו ולזכרו" וואס דער רבי זי"ע האט געוואלט אוועקשטעלן מיט זיין שטאט "קרית יואל" צו פארמויערן דערמיט זיין שיטה הקדושה אויף ביז משיח'ס טאג.

אבער פון די אנדערע זייט איז די סכנה זייער גרויס וויבאלד עס יאוונען זיך אזעלכע משולי המחנה וואס ווילן אראפווארפן די מסגרת הקדושה פון א הייליגע שטאט און דערפאר גייען זיי ארויס וואוינען מחוץ לישוב, דאס איז אן ערשיינונג וואס מען זעט כסדר אינדרויסן אין די "סובורבס" פון אלע היימישע געגנטער.

וואס דאס שטעלט אהער די קריטישע פראגע וויאזוי וועט זיך אויסשטעלן די עתיד פון די 30 סקווער מייל פון קרית יואל, ס'וועט אויסקוקן ווי די דרויסנדיגע געגנטער פון מאנסי לעיקוואוד אדער וועט עס זיין א הייליגע ווינקל חלק כחלק פון עיר הקודש קרית יואל?

די צוקונפט פון קרית יואל שטייט יעצט אויף א וואגשאל וואס קען פאלן אויף איינס פון די צוויי עקן, אדער וועלן די נייע געגנטער זיין קרית יואל אדער ח"ו מאנסי מיט די גאנצע הפקירות פון מאנסי, נו, וואס וועט זיין דא, וויזאוי וועט זיך עס אויסלאזן?.



מרן רביה"ק זי"ע מיט די צאן קדשים אין קרית יואל בערוב ימיו



דער רבי זי"ע קוקט זיך איין אויף די קינדערליך משאת לבו הטהור: אין קרית יואל

אט דאס איז די הייליגע מערכה וואס דער מרא דאתרא כ"ק מרן רבינו שליט"א האט אונטערגענימען בדם לבבו במשך די לעצטע יארן צו באפעסטיגן די נייע געגנטער און עס אריינברענגען אלס א חלק כחלק מיט גאנץ קרית יואל און אזוי ארום אויפהייבן און פארזיכערן די נייע געגנטער אז ס'ווערט נישט ח"ו א שטח הפקר, און דערמיט ראטעווען סיי די נייע געגנטער ס'זאל נישט ווערן א "מחוץ לישוב'דיגע" סארט, און ביינעזאם ראטעווען דערמיט די אלטע געגנטער פון צענטראל קרית יואל, וויבאלד אויב ס'ווערט ח"ו שוואך "אינדרויסן" וועט זיין שוואך "אינעווייניג" צוליב וואס עס איז נישט שייך צו בויען א גרעניץ אדער א וואנט וואס טיילט אפ צווישן די אלטע און נייע געגנטער...

באמת אין רעאליטעט איז טעכניש אלעס איינס, אפי' אמאל אויב א געגנט קוקט אויס ווייט, איז אין אפסטעיט אלעס נאנט, וויבאלד מען וואוינט לכתחילה מער צישפרייט און כמעט יעדער האט א קאר, ס'איז כמעט נישט דא קיין טרעפיק, ממילא זענען אלע געגנטער קוים איינציגע מינוטן פון דרייוון, אין די צייט וואס ס'דויערט צו גיין צופיס פון בעדפארד קאר. קליימער ביז ניי וויליאמסבורג, קען מען אנקומען מיט א קאר צו די ווייטסטע געגנטער פון קרית יואל המורחבת אן א טרעפיק.

און דאס איז טאקע דער מציאות, סיי ווער ס'וואוינט אין סיי וועלכע נייע שכונה אדער געגנט פון קרית יואל המורחבת איז אריינגעמישט און איז א חלק פון די ארגינאלע קרית יואל, ער איז א חלק פון די קהלה, באניצט זיך מיט די מוסדות געבויט דורך תושבי קרית יואל, קויפט איין די קרית יואל געשעפטן, מקוואות וכדו', און אויב וועט זיין שוואך אין סיי וועלכע חלק פון קרית יואל המורחבת אדער אנדערש פון די ארגיניאלע פלאן פונ'ם מייסד העיר זי"ע, וועט עס אראפברענגען צו יענע לעוולס גאנץ קרית יואל.

## בתחנון ובתפלה

אויף דעם ארויף האט כ"ק מרן רבינו שליט"א געשיקט בעטן בתחנונים, אז קיין אנדערע קהלות זאלן נישט קומען קיין קרית יואל, וואס די בקשה מיוחדת פון רבי'ן שליט"א איז געקומען שוין נאכדעם וואס די ראשי הקהלה און עסקנים אין קרית יואל, האבן בפקודת הקודש פון רבי'ן שליט"א, זיך משתדל געווען במשך די גאנצע צייט, אנגעהויבן פון ווען דער ישוב איז געווען אין די פלאנירונגס-פאזעס, אפצושטעלן די פלענער, און אצינד אפצושטעלן די ווייטערדיגע ארבעט פון דעם ישוב, וואס וועט נאר ח"ו שטערן דעם רוחניות'דיגן בליה און וואוקס פון די שטאט, נאכדעם ווי עס איז זייער קלאר, אז אויב קרית יואל ווערט אפן פאר אנדערע קהלות, איז קיינער דערנאך נישט אין קאנטראל וועלכע דרגא קהלות וועלן נאכקומען. די שטחים פון קרית יואל המורחבת זענען גענוג גרויס און ס'קענען קומען אלע סארט קהלות וואס קען טראנספארמירן קרית יואל און עס מאכן פאר א מאנסי, א קאליפולע שטאט פון אלע סארט קהלות. איינמאל קרית יואל ווערט אזא קאלירפולע שטאט, וועלן די שולי המחנה זיך הייבן די קאפ געגוי ווי אין מאנסי, וואס יעדער קען טון ככל העולה על רוחו, און קיינער קען דאס נישט אפשטעלן! ותוצאותיו מי ישורנה.

אין די פריערדיגע שורות איז גענוג דערציילט געווארן, ווי שטארק עס איז געגאנגען פאר מרן רביה"ק זי"ע בנפשו, צו האבן אן אייגענעם ישוב, דייקא צוליב דעם, אז קרית יואל זאל זיין מוקפת חומה, א שטאט וואו זיין שיטה הק' דאמינירט, א שטאט וואו זיין מהלך המחשבה איז מחייב יעדן איינעם, און א שטאט וואו זיינע יסודות וואס ער האט אוועקגעשטעלט אין אלע תחומי החיים, פון לימוד חומש רש"י ביי מיידלעך, ביז נתינת כבוד לרשעים מיט אויפנאמעס פאר חברי כנסת המינים, און אלעס אלעס אינצווישן.

דאס איז דער האפענונג פון תושבי קרית יואל בפרט, און פון אנ"ש בכלל, וועלכע קוקן ארויס בכליון עינים אז דער פארשטענדליכער בקשת הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א זאל אנגענומען ווערן מיט פארשטענדעניש, דערמיט צו פארזיכערן אז קרית יואל פארבלייבן אן עיר מקופת חומה פון אלע זייטן, געגוי ווי עס איז געווען רצון קדשו פון מרן רביה"ק זי"ע מייסד הקרי', ולאורו ניסע ונלך עד ביאת הגואל.